**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/8/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 55.4 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין 8 קאונטיס**

***פינאנציעלע הילף וועט צושטעלן מיטלען צו העלפן לאקאלע רעגירונגען אונטערנעמען קריטישע וואסער קוואליטעט פראיעקטן און פארלייכטערן פאר די וועלכע באצאלן חובות מיט זייער אינטערעסט***

***פראיעקטן וועלן רעדוצירן סכנות צו די פובליק געזונטהייט און ענווייראמענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 55.4 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן, זייענדיג די לעצטע אין א רייע שריט צו פארבעסערן ניו יארק'ס וואסער און אפלויף וואסער סיסטעמען, רעדוצירן וואסער פארפעסטונג און היטן הויף קריטישע טרונקען וואסער סופלייס. די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) באָורד אָוו דירעקטארס האט באשטעטיגט נידעריגע-קאסט פינאנצירונג און פריערדיגע געמאלדענע גרענטס אויטאריזירנדיג לאקאלע רעגירונגען צו באקומען צוטריט צו די געלטער וועלכע זענען נויטיג אנצוהייבן די ארבעט אויף פיר קריטישע טרונקען וואסער און אפלויף וואסער פראיעקטן. די באורד האט אויך באשטעטיגט ביליגע לאנג-טערמיניגע הלוואות פאר זעקס פארענדיגטע פראיעקטן, צושטעלנדיג פארלייכטערונג פון חובות דורך נידעריגע אינטערעסט (ריבית) ראטעס ווי ווען אויב די לאקאלע רעגירונגען וואלטן אליין ארויסגענומען הלוואות.

"עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארק צו האבן צוטריט צו ריינע טרונקען וואסער און צו אפלויף וואסער סיסטעמען וואס ארבעטן ווי עס דארף צו זיין", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די 55 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט נישט נאר פארבעסערן אונזער וואסער אינפראסטרוקטור, נאר עס וועט אויך שאפן געזונטערע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. מיר וועלן פארזעצן צו אונטערנעמען שריט צו פארבעסערן די קוואליטעט פון אונזער וואסער און צו שטיצן א געזונטע און בליהענדע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

די באורד'ס באשטעטיגונגען רעכענען אריין פינאנצירונגען דורך די ריינע וואסער סטעיט ריוואָלווינג קאסע – א קאסע וואו די געלט ווערט איבערגענוצט ווען עס ווערט צוריקגעצאלט – און אזוי אויך דורך טרונקען וואסער סטעיט ריוואָלווינג קאסע און גרענטס וועלכע זענען שוין אנאנסירט געווארן אונטער דעם וואסער אינפראסטראקטור פארבעסערונג (Water Infrastructure Improvement, WIIA) פראגראם. [פינאנצירונג פאר וואסער אינפראסטרוקטור פון דעם פעדעראלן אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law) איז פארטיילט געווארן דורך די EFC דורך די סטעיט ריוואָלווינג קאסע פראגראמען]. באזוכט די EFC'ס [וועבזייטל] צו לערנען מער איבער וואסער אינפראסטראקטור פינאנצירונג געלעגנהייטן.

דורך די געלטער וועט די EFC צושטעלן א גרענט און אינטערעסט-פרייע הלוואות פאר די אלבאני לאקאלע רעגירונג וואסער פינאנץ אויטאריטעט (Municipal Water Finance Authority) מיט געלטער וועלכע קומען פון דעם פעדעראלן אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ און דורך א סטעיט וואסער אינפראסטרוקטור גרענט. דער 3.75 מיליאן דאלאריגער פראיעקט וועט פארמיידן וואסער פון די האדסאן ריווער פון אריינפליסן אין די אפלויף וואסער אינפראסטרוקטור דורכאויס צייטן ווען די וואסער שטאפלען זענען הויך.

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס פירנדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור צוזאמען מיט די היסטארישע געלטער וועלכע זענען דא צו באקומען דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ העלפט ארויס קאמיוניטיס, גרויס און קליין, צו אונטערנעמען פראיעקטן וועלכע זענען קריטיש וויכטיג פאר פובליק געזונטהייט, קוואליטעט פון לעבן און צו באשיצן די ענווייראמענט. עס איז היינט א פארגעניגן פאר די EFC צו צושטעלן פאר אכט לאקאלע רעגירונגען און פובליק אויטאריטעטן די פינאנציעלע שטיצע וואס איז נויטיג צו פארשטערקערן קריטישע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישאנער און ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט באורד טשעירמאן, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "פארבעסערן, פארריכטן און ערזעצן וואסער אינפראסטרוקטור איז קריטיש צו באשיצן קאמיוניטיס פון פארפעסטיגונג וואס קען זיין שעדליך פאר די פובליק, די ענווייראמענט און פאר די עקאנאמיע. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און ניו יארק'ס שותפים אין וואשינגטאן די סי פארן צושטעלן די סטעיט און פעדעראלע מיטלען צו העלפן לאקאלע רעגירונגען אויספירן די וויכטיגע פראיעקטן און פארזיכערן אז ניו יארק'ס וואסער קוואליטעט בלייבט באשיצט."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. מערי ט. באסעט, האט געזאגט,** "די קריטישע אינוועסטירונגען אינעם פארבעסערן די סטעיט'ס פובליק וואסער אינוועסטירונגען זענען אן אינוועסטירונג אין די אלגעמיינע געזונטהייט פון די קאמיוניטי. פארבעסערן די סטעיט'ס פארעלטערטע וואסער דעליווערי סיסטעם איז פונדאמענטאל צו באשיצן די פובליק געזונטהייט, פארבעסערן וואסער קוואליטעט און שטופן פאר א געזונטע און ריינע ענווייראמענט אריבער גאנץ ניו יארק. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר לאנגיאריגע איבערגעגעבנקייט און פינאנציעלע שטיצע פאר די וויכטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען."

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "ריינע טרונקען וואסער איז די יסוד פון געזונטע און שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס. גאווערנער האקול זעצט פאר צו אינוועסטירן אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור וואס שטיצט אונטער די פובליק געזונטהייט, עקאנאמישע אנטוויקלונג און קוואליטעט פון לעבן אריבער די גאנצע סטעיט פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט, "**געציהלטע איינפלוסרייכע און דזשאב-שאפנדע אינוועסטירונגען דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ טוען יעצט פליסן צו פארבעסערן פארעלטערטע וואסער אפלויף סיסטעמען אין יעדע ווינקל פון די עמפייער סטעיט. פון אלבאני ביז אניאָנטע, וועלן די 55 מיליאן דאלאר מאכן קריטישע פארבעסערונגען צו אונזער פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור, פארזיכערן אז אונזערע פאמיליעס האבן זיכערע טרונקען וואסער און האלטן אונזערע טייכן ריין פון אפלויף וואסער איבערפלוסן. עס מיינט אויך דזשאבס, דזשאבס, דזשאבס, אונטערהייבן אונזערע קאמיוניטיס מיט שוין פון לאנג נייטיגע פראיעקטן צו מאכן ניו

יארק׳ס וואסערן געזונטער און ריינער. איך בין שטאלץ צוצושטעלן די דאזיגע היסטארישע פעדעראלע אינוועסטירונג צו טוישן דאס ווינט אויף ניו יארק׳ס עלטערנדע וואסער אינפראסטרוקטור.״

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "נאך צענדליגע יארן פון פארנאכלעסיגונג זענען אונזערע וואסער סיסטעמען אין פארצווייפלטע נויט צו פארראכטן ווערן. מיליאנען אמעריקאנער האבן געליטן פון די קאנסעקווענצן פון דאס שטיין מיט איינגעלייגטע הענט מיט געפלאצטע רערן, שעדליכע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן און א מאנגל אין צוטריט צו ריינע טרונקען וואסער. פאר יארן לאנג האב איך געשטופט צו פאררעכטן און פארבעסערן די באהאלטענע אבער קריטישע אינפראסטרוקטור און א דאנק דאס אריבערפירונג פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ בין איך שטאלץ צו זעהן אז די גאר נויטיגע פעדעראלע שריט קומט ענדליך אן צו אונזערע קאמיוניטיס."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די קריטישע פינאנצירונג וואס וועט העלפן קאמיוניטיס אריבער די ראיאן צו באקומען צוטריט צו ריינע טרונקען וואסער, ווי אויך צושטעלן פארלייכטערונג פון אינטערעסט. דאס רעכנט אריין איבער צען מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען פאר רענסעליער און אָטסעיגאָו קאונטיס. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט שותפים אין סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע רעגירונג בשעת מיר זעצן פאר צוצושטעלן פאר ניו יארקער.״

פינאנצירטע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן רעכענען אריין:

**באשטעטיגטע ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג:**

- **אלבאני לאקאלע רעגירונג וואסער פינאנץ אויטאריטעט אין אלבאני קאונטי (צוויי פראיעקטן) -**
  - $1,875,000 אין א גרענט און $1,875,000 אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פון 'אלגעמיינע צוגעלייגטע געלטער' ( General Supplemental funds) פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ און $937,500 אין א WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון אפלויף וואסער פארבעסערונגען צו פארמיידן אריינפלוס פון די האדסאן ריווער דורכאויס צייטן ווען די וואסער שטאפלען זענען הויך אין די טייך.
  - $6,492,198 אין לאנג-טערמיניגע הלוואה פאר קאנסטרוקציע פון די Upper Washington Avenue פאמפ סטאנציע און פאָרס מעין רער צו אוועקנעמען די פלוס פון וואסער צו די אלבאני קאונטי נארט אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג און רעדוצירן די אויסגעמישטע אריינפלוס פון די אפלויף וואסער צו די האדסאן ריווער.
- **ווילעדזש אָוו טשעמפּלעין אין קלינטאן קאונטי -** $2,502,000 אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה און א $834,000 WIIA גרענט פאר דיסאינפעקטירונג פארבעסערונגען און אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען צו די ווילעדזש'ס אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **ווילעדזש אָוו קאָרינט אין סאראטאגע קאונטי -** $8,177,398 אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר פארבעסערונגען צו די זאמלונג סיסטעם.
- **ליווינגסטאן קאונטי וואסער און אפלויף וואסער אויטאריטעט ( Water and Sewer Authority) -** $7,652,105 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר פארבעסערונגען צו די לעיקוויל אפלויף וואסער רייניגונג פּלענט.
- **סיטי אָוו אָניאָנטע אין אטסעגאָו קאונטי -** $6,749,263 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר פארבעסערונגען צו די סיטי'ס אפלויף וואסער רייניגונג פּלענט.
- **סיטי אָוו ראָום אין אניידע קאונטי (צוויי פראיעקטן) -**

- $3,560,913 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר פארבעסערונגען צו דאס אפגעבונג מיט הארטע מיסט ביי די שטאט'ס וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל איינריכטונג.
- $3,560,913 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר דיסאינפעקציע פארבעסערונגען ביי די שטאט'ס וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל איינריכטונג.

**באשטעטיגטע טרונקען וואסער פראיעקט פינאנצירונג:**

- **ווילעדזש אָוו לאָוויל אין לואיס קאונטי -** $1,333,334 אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה, $2,666,666 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט סטאנדארטיגע אינטערעסט ראטעס און א $3,000,000 WIIA גרענט צו אינסטאלירן צוויי אונטערערדישע וואסער קוועלער, פארבינדענע אריבערפירונג רערן און רייניגונג איינריכטונגען, און אזוי אויך פארבעסערונגען צו די ווילעדזש'ס עקזיסטירנדע וואסער פילטרירונג פלענט.
- **ווילעדזש אָוו שאַטיקאָוק אין רענסעליער קאונטי -** $4,681,658 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר אינסטאלאציע פון נייע דיסטריביושען רערן, היידרענטס, וואלוו און סערוויסעס צו ערזעצן עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור, א נייע פארענדיגטע וואסער סטארעדזש טאנק צו ערזעצן א פארעלטערטע טאנק און א נייע וואסער רייניגונג איינריכטונג צו ארויסנעמען אייזן און מאנגאנעז פון די ווילעדזש'ס קוועלער.

ניו יארק זעצט פאר צו פארמערן אירע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. מיט די באשטעטיגונג פון ווייטער פון דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגער 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' ( Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) קומט צו נאך פינאנצירונג צו פארבעסערן אלטע וואסער אינפראסטראקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן קאמיוניטיס'ס מעגליכקייטן צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע עמיסיעס; היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס; און פארזיכערן יושר און גלייכקייט דורכן אינוועסטירן צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון הילפס-מיטלען אין שוואכערע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418